STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05023

VOLKNBREMEN

Alexander Spiegelblatt

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Arnold & Betty Goldstein
in memory of
Oscar & Mildred Goldstein and Raphael & Rose Rogers*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט / וואָלקנברעמען

פאר
נ. שפיגלבערג
מיט פריינדשאפט
א. שפיגלבלאט
1979

גאָלדענע קייט

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון
„אליעזר פּינעס-פֿאָנד" און
„קרן תל-אביב לספרות ולאמנות"

אַלכּסנדר
שפּיגלבלאַט

וואָלקנבּרעמען

לידער

פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט
1979

אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט. וואָלקנבּרעמען
פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט. תּל־אָבֿיבֿ. ישׂראל

ALEXANDER SPIEGELBLATT
VOLKENBREMEN
Poems

Published by DI GOLDENE KEYT

Printed in Israel 1979 נדפס בישראל

נדפס בדפוס „להב", תל־אביב, רח' המסגר 60

הענגענדיקע בריקן

אויפֿן שפּיגל פֿון מײַן אויג

...דערנאָך האָב איך אַרײַנגעקוקט אין זיך,
די פֿינצטערניש — פֿאַרהאַרטעוועטע טינט,
אַ לאַבירינט פֿון יענע זידנדיקע גרונטן
ווּ עס צעצווײַגן זיך די אָדערן פֿון גאָלד.

איך האָב אַרײַנגעקוקט ווי אין אַ פֿרעמדער נאַכט,
געוואָלט באַקענען מײַנע אויגן מיטן חושך,
צענעמען מיט די פֿינגער זײַן געוועב
און אויסשפּינען דעם פֿאָדעם פֿון דאָס נײַ.
און מיטן שפּינען — ראַטעווען, דערלייזן.

איך האָב אַרײַנגעקוקט און האָב דערזען דעם דנאָ.
איז אויפֿן שפּיגל פֿון מײַן אויג פֿאַרבליבן
אַרײַנגעשריבן מיט דער לויג פֿון אַש
דער פּחד פֿאַר מײַן בילד: ד אָ ס ב י ל ד פֿ ו ן פּ ח ד.

אַכט און פֿערציק האַרבסטן

איך געדענק אויף אויסנווייניק
אַלע שעהען
וואָס רעגענען איבער מײַן לײַב;
אויף אינעווייניק —
בלעטערפֿאַל־גניזות
פֿון אַכט און פֿערציק האַרבסטן.

צווישן אויס־און־אינעווייניק
האָט אַן אָדערל געפּלאַצט:
וואָס דאַרף פֿאַרגעסן.

אַ גרינער פּאָרטרעט

דער בוים אויפֿן ראָג איז אַ גרינער פּאָרטרעט
פֿון אַ חלום געזען אין פּראָפֿיל.
ער האָט געפֿלאַטערט איבער מײַן בעט
אין אַ שטורעמנאַכט, אָנהייב אַפּריל.

אַ גרינער פּאָרטרעט אין אַ זילבערנער רעם —
אין שפּיגל ווערט ליכטיק און קאַלט
און דורך דער זײַד פֿונעם שלאָף איך פֿאַרנעם
דאָס רוישן פֿוןביימער אין וואַלד.

פחד

די פֿינצטערניש ברענגט מיר דעם ריח פֿון שרעק,
געזאַלצן מיט קינדערשע טרערן.
בײַם פֿענצטער לאָקערן בערן
און וועלף פֿון די וועלדער, און שלעק.

די גאַנצענע וועלט איז פֿאַרשלאָסן אין שויב
און איך — אַליין מיט דער וועלט,
אַ שומר אַנידערגעשטעלט.
און וואָס וועט געשען מיט מיר אויב

ס׳וועט קומען די מאַמע אַ ביסעלע שפּעט?..
דער ריח פֿון פּחד שטעכט אין דער נאָז
און איך ווייס ניט, איך ווייס ניט פֿאַר וואָס
כ׳האָב מורא, ווי דעמאָלט, צו ליגן אין בעט.

בליציקער שוואַרצאַפּל

פֿרעמדע פּאַסטעכער האָבן געפֿונען,
אויפֿן וואַסער־שפּיגל מײַן פּאָרטרעט,
האָבן זיי פֿאַרשטאָפּט דעם ברונעם
מיט אַ מידברדיקער שׂינאה,
אַ פֿאַרשאָטענע אין זאַמד
נאָך זינט יענעם אורבאַגינען
פֿון כנען און פֿון חת.

מוז איך אַרום ברונעם קרײַזן
לויטן שטומען, מאַניענדיקן גאַנג
פֿון די זאַמדזייגערס וואָס ווײַזן
אַז דער וואַסער־שפּיגל דעכעט
ווי אַ צוגעמאַכט אַנטדרעמלט אויג
און אין סאַמע פּאַקוס גיט אַ צאַפּל
מײַן פּאָרטרעט — דער בליציקער שוואַרצאַפּל.

שעהען צעשאָטענע

ביַי וועמען
בעטן אַ קבלה,
פֿאַר טעג
דערלאַנגטע
ווי אָפּצאָל,
ווי שטיַיער
אויפֿן פֿאַרמעג ?

ביַי וועמען
מאָנען הנחה,
פֿאַר ליידיקע
שעהען,
פֿאַרברענטע,
צעשאָטענע
איבערן וועג ?

באַוויַיז דעם נס

באַוויַיז דעם נס
און שטעל צונויף
פֿון די צעדרויבלטע,
צעשפּליטערטע
מינוטן און סעקונדן —
יאָרן
שלמותדיקע, גאַנצע.

גיס צונויף זיי
אין אַ צאַפּלדיקן
לעבן
פֿון דאָס ניַי,
ווי דער גאָלדשמיד
שמעלצט פֿון אַלטע שטיקער בראָך
אַ זיגלרינג.

איבערגעדרייטע שעהען

ווי לאַנג איז שוין פֿון זינט איך קלעטער?
איך ווייס ניט, איז שפּעט צי איז שפּעטער,
מײַן זייגער — פֿון טייג צי פֿון ליים
(ווי אויף אַ בילד פֿון דאַלי)
האָט איבערגעדרייט מײַנע שעהען.

ווי לאַנג איז שוין פֿון זינט איך קלעטער?
איך טרעט אויף וואַקסענע בלעטער
פֿון קאַלענדאַרן פֿאַרעלטערטע.
די צאָלן — ווי מאַגישע צייכנס,
הענגען אַראָפּ פֿון די צווײַגן.

ווי לאַנג איז שוין פֿון זינט איך קלעטער?
כ׳בין ווידער אַליין מײַן פֿאָררעטער.
עס האָט דאָך געקלעטערט אַ צווייטער
און איך בין ניט מער ווי זײַן שאָטן,
אַן עכאָ פֿון יענעמס אַ קול.

אַ שאָטן

צו מײַן פּנים טוליעט זיך אַ שאָטן,
ווי אַ זונפֿאַרגאַנג צו הײסע דיונעס
און ער גראָבט אין הויט אַרײַן סימנים
ווי געהײמע, אויסטערלישע רונעס;
ווי די בריקן צווישן וואָרט און וואָרט;
ווי פֿון בלוט אַרויסגעפּלאַצטע נאָטן
פֿון אַ לעצטן שטורמישן אַקאָרד.

געפֿאַנגען

דער שפּיגל צעטיילט אונדז
אויף דו און אויף איך.
עס פֿירט מיך דער פּחד
צו זיך און צו זיך.

די לאַנדשאַפֿט אין שפּיגל
איז ליידיק און קאַלט,
איך בין דער שאָטן,
איך — די געשטאַלט.

געפֿאַנגען אין שפּיגל —
אַ פֿליג אין אַ גלאָז:
איך בין דער שליסל,
איך בין דער שלאָס.

עס פֿירט מיך דער פּחד
צו זיך און צו זיך.
דער שפּיגל צעטיילט אונדז
אויף דו און אויף איך.

אותיות פֿון סמאָלע

איך גיס מײַנע אותיות פֿון זאַמד און פֿון סמאָלע
און קוק װי זײ װערן פֿאַרפֿראָרן.
די צונג אין מויל, װי אַ דאָרן,
ניט־דאָ־געדאַכט, שטאַמלט אַ קללה.

וויגליד

איך שפּרינג אַרײַן אין חלום ווי אַ בלינדער,
דורך פֿײַעררייפֿן, ברענענדיקע נולן.
איך שפּרינג אַרײַן אין איינעם מיט די קינדער,
אײַנגעדרעמלטע אויף ווייכע שטולן.

בײַ דער גרענעץ פֿלאַטערט אין אַ פֿידל
דער מאַמעס וויגליד: אײַלע־ליו, שלאָף אײַן.
און אַ רויטער מלאך מיט אַ רידל
לאָזט מיך ניט אין חלום־לאַנד אַרײַן.

רויטער מלאך — זאָג איך — ניין איז ניין!
מיר איז ניט באַשערט צו זײַן אַ שפּרינגער.
כ׳פֿיל דעם טעם פֿון ערד אין מײַן געביין
און ס׳ציִען זיך צום וויגליד מײַנע פֿינגער.

שטילע רגע

הײַנט איז אין מיר שטיל, ווי פֿאַר אַ שווערן רעגן,
די אויגן זענען זאַט פֿון ליכט און פֿון קאָלירן,
די גלידער זענען מיד און ווילן זיך ניט רירן,
די ליפּן ווייסן אַלץ און דאַרפֿן גאָרניט פֿרעגן.

הײַנט איז אין מיר שטיל, ווי פֿאַר געוויסן ווערן.
אַ תּפֿילה קומט אַצינד פֿאַרוואַנדלען זיך אין טרערן.

די פֿרילינגען מײַנע

די פֿרילינגען מײַנע ליגן געקעלטערט,
ווי טײַערער ווײַן אין פֿעסער,
זיי טראָגן די שווערקייט פֿון עלטער
און ווערן אַלץ איידעלער, בעסער.

דאָרשטיק איז אָבער פֿון בענקשאַפֿט מײַן גומען
נאָך זויערער טערפּקייט פֿון פּירות,
נאָך האַרבקייט פֿון מיענטע און בלומען,
נאָך פּחד פֿאַר זיסע עבֿירות.

צער־אַזילן

צער־אַזילן וויַיסע ביַי די גרענעצן פֿון דאָ־זיַין...
אַלע וועגן ניכטערן זיך אויס פֿון זייער פלאָנטער,
נידערן אַראָפּ פֿון הענגענדיקע בריקן,
ווערן שטיל און ערנסט און שטעלן זיך אָפּ
ווי גרויסע הינט פֿאַרן טויער.

צער־אַזילן וויַיסע — פֿון יענער זיַיט פֿלאַטערן
מיידל־געשטאַלטן. זיי ווייסן שוין אַלץ.
זיי שיילן דיך אַרויס פֿונעם שטויביקן מאַנטל,
טרייסלען אַראָפּ דעם ליאַרעם, און פֿליגלען
שטום דיך אַריבער די שוועלן פֿון פחד.

רוף זיי מלאכים. צי ווייסטו דען מער
וועגן הימל־באַוווינער און חלום־באַגלייטער?
די גרענעצן זענען אין זייער רשות.
פּרוּוו ניט אַריַינשמוגלען מער ווי אַ תּפֿילה
אויפֿצושליסן דעם טויער פֿון רחמים.

מיר ווערן שכנים

ווען כ׳האָב אָנגעטאָן אַ רייפֿל
אויסגעקרייַזט פֿון פֿייגל אין דער לופֿט
און זיך איינגערעדט אַז ס׳איז אַ קרוין —
האָב איך שוין געוווּסט: מיר ווערן שכנים...
איך וועל הערן דייַנע שליסל בילן
אין שליסללאָך, דייַן פּלאַפּלען מיטן חושך,
און שוין וואַרטן אַ געקרייענטער
ס׳זאָל זיך בייַטן די אַשמורה.

כ׳האָב געוווּסט: מיר מוזן ווערן שכנים...
און מייַן פּחד האָט געמאָלן ריטמיש
דייַנע אויגן, דייַנע ליפּן, דייַנע פֿינגער
און די פֿליגל דייַנע וואָס פֿאַרלעשן
אויך אַ רעגן־בויגן מיט אַ פֿלאַטער,
און אַ ליקוי־חמהדיקע רגע,
גרוי און גרייַז געוואָרן אויף אַ זייגער.

שטומע ליידיקייט —
צעהאַנגען צווישן אונדז ווי אַ מחיצה,
האָט פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ געשטאַלט,
אַרייַנגעקוקט גוט־ברודעריש אין פֿענצטער,
געטשאַטעוועט אויף מייַנע טריט.

פּלוצעם האָבן זיך געעפֿנט שפּאַלטן
אין די טיפֿע נעפּלען פֿון מײַן שלאָף,
אין די בילדער אויף דער וואַנט, אין אַלטע בריוו
אין די ספֿרים מיטגעבראַכטע פֿון דער פֿרעמד —
און אין יעדן שפּאַלט האָבן געלאָקערט
טרויעריקע אויגן פֿון אַ זקן.

צווישן אונדז האָט זיך געשפּאַנט אַ בויגן,
פֿראַסטיק, ווי דער מרחק צווישן שטערן
אָפּגעמאָסטן איין מאָל פֿון באַשעפֿער.
ניט פֿאַראַן קיין בריק און ניט קיין סטעשקע
אָפּצוקירצן דעם מהלך.

שפּינט די אומבאַהאָלפֿנקייט איר פֿאָדעם,
פֿייגל רייפֿלען קרוינען אויפֿן הימל
און איך ווייס: מיר מוזן ווערן שכנים.
ס'איז פֿאַרשריבן אויף די שלייפֿן פֿון זקנים
סייסמאָגראַפֿיש...

פֿון יענער זײַט גרענעץ

ווײַס איז אַפֿילו די לופֿט פֿון יענער זײַט גרענעץ,
געזעטיקט מיט אײַנגעזאַפּטע קאָלירן
פֿון רעגן־בויגנס געפֿאַנגענע,
קאָלירן פֿון מײַסטערס אין הויכן עלטער
אָדער פֿון קינדער וואָס מאָלן אויף דער וואַנט
מיט אַ זונשטראַל דעם אָקערשט געזעענעם חלום.

בלומען און ביימער און גראָזן
זענען נאָר בילדער פֿון יענער זײַט גרענעץ,
בילדער אויף ווײַסן ריזיקן לײַוונט,
אינדזלען, דאָס אויג זאָל אַ ווײַלע זיך אָפּרוען
איידער עס וואַנדערט אַריבער
אויף אָין־סופֿיק ליידיקע שטחים.

בלינדע אָטעמען אײַן די געזעטיקטע לופֿט
און פֿעדערן זיך ווי זיי וואָלטן געשטיגן אין הימל.
די ליידיקייט איז פֿאַר זיי אַ צעעפֿנטער ספֿר
פֿון וואַנען זיי לייענען אַרויס די פֿאַרבאָרגענע צייכנס
פֿון היימישן צער, און מיט אָפֿענע אָרעמס
ציִען זיי זיך צו די קוואַלן פֿון רחמים.

דו אָבער גייסט ווי דורך פֿליסיק צעלאָזענעם גלאָז
און דייַנע שפּורן ווערן פֿאַרגליווערטע פֿראָסטבלומען.
דער צער אין דייַן בלוט איז נאָך פֿרעמד — אַ מרגל
וואָס נישטערט אין אַ באַלעגערטער שטאָט,
ווי הילצערנע דעכער פֿילן שוין דעם ריח פֿון פֿלאַמען
און ס'יאָגט דורך די ביימער אַן ערבֿ־אונטערגאַנג־שוידער.

פּרוּוו ניט באַרירן די זאַכן

פּרוּוו ניט באַרירן די זאַכן,
זיי זענען פֿאַראַן נאָר אין שפּיגל,
— יענזײַטיק זײַן —
לויט אַנדערע כּללים,
אַנדערן נוסח.

פּרוּוו זיי ניט אָנרירן.
זיי פֿילן, ווי שפּירהינט,
פֿון דײַנע פֿינגער
פֿאַרבאָטענע ריחות
אין זייערע רוימען,
און מײַדן דיך אויס.

ריר זיי ניט אָן —
זיי זינקען כּסדר
און ס׳איז ניט בכּוח
די ערד זיי צו האַלטן.

זיי שפּאַרן זיך אָן,
נאָר פֿילן ניט קיין אָנשפּאַר.
זיי האָבן פֿאַרלוירן
דעם אוראַלטן צוטרוי
וואָס ציט זיך דורך אַלע
גילגולים פֿון חומר.

פּרוּוו ניט באַרירן די זאַכן,
גיי מיט דײַן צער
ווי דורך אַן אָפֿענער טיר
אַרײַן אינעם שפּיגל.

נאַקעטקייט

נאַקעטקייט —
ליכטיקער מאַנטל איבערן צער
וואָס ציטיקט אין די געוועבן,
אָנגעלאָדענע לופֿט,
געשפּאַנטע,
איידער זי פּלאַצט אַרויס אין מוזיק.

האָסטו געוווּסט פֿון דײַן נאַקעטקייט?
האָבן נאָר דײַנע פֿינגער פֿאַרנומען
דעם שווידער פֿון הויט,
איר פּחד,
פֿאַר דעם פֿראָסטיקן בליץ פֿון מעטאַל?

קראַנקער רעגן־בויגן

עפּן מיר אויף די ווײַסע טויערן,
דער קראַנקער רעגן־בויגן וואַרט אויף מיר.
עפּן מיר, איידער עס ווערן פֿאַרלאָשן
די הייסע קאָלירן אין מײַנע הענט.

די ברידער האָבן דאָך צוגענומען
זײַן כּתנת־פּסים נאָענט פֿון גרוב,
ליגט ער — אַ ווײַסער וואָלקן, אַ נאַקעטער —
און ראַנגלט זיך מיט דער ווײַסער פֿרעמד.

לעצטער גילגול

מײַנע טויטע גייען אויף אין ליכט
פֿון אַן אויפֿגעפּלאַצטן האָריזאָנט:
לעצטער גילגול זייערער — מוזיק.

און זיי לייענען אין די סליאַדן פֿונעם צער,
ווי אין נאָטן פֿון אַ פּאַרטיטור
און זיי חלומען פֿון טויט, די טויטע מײַנע.

אילוזיע־טאַנץ

טאַנץ איך אַקראָבאַטיש אויף אַ פֿאָדעם
אַריבער פֿון אֵין־סוף צו סוף,
אַריבער פֿון גאָרנישט צו תּוו,
אַוועק פֿון בן־גאָט צו בן־אָדם.

טאַנץ איך אויף אַ ליידיקער אַרענע
לויטן האַמערקלאַנג אין שטיין
וואָס האָט אויסגעהאַקט דעם „ניין",
לויטן מידברדיקן היילן פֿון אַ היענע.

טאַנץ איך אַן אילוזיע־טאַנץ. אַ זשאַבע
איז מײַן פּאַרטנערין און זאַלבע צוויי
זענען מיר אַ שאָטן פֿון דער „ה"
אויפֿן בלינדן וועג צו עולם־הבא.

אײַזקאָראַלן

דעם טאַטן

זיקנה איז אַן אלול־קאָנטינענט.
צוּען מיר
— אַ פֿעלקער־וואַנדערונג —
אַהין,
דורך יאָרן ליכט,
און לײדיקער אַלץ ווערט דער מרחק
צווישן „דו" און „איך"
און ווערטער ווערן אײַנגעפֿרוירן אונטער וועגנס.
אײַזקאָראַלן אויף די ליפּן.

פֿונעם תּהום גײט אויף אַ הונגעריקע זון,
דער צער.

דײַנע סטאַנציעס
זענען חרובֿע אימפּעריעס
מיט גרענעצן פֿאַרבליבענע
אויף אַלטע מאַפּעס.
און אויף אַ גרינער באַנק, לעבן וואָקזאַל,
וואַרטסטו אַלץ נאָך אויף דער באַן
וואָס יאָגט אַהין,
קײן לעמבערג און קײן ווין.

פֿונעם תּהום גייט אויף אַ הונגעריקע זון,
דער צער.

ווען ס׳פֿאַלט אַ שטערן,
קאָן אַ ברודער־שטערן אים ניט ראַטעווען.
און אפֿשר בענקען הימל־וואַנדערער,
ליכט־באַשעפֿענישן עלנטע,
נאָך דער ערד,
ווי מיר,
פֿון ערד געבוירענע,
בענקען נאָכן הימל?

פֿונעם תּהום גייט אויף אַ הונגעריקע זון,
דער צער.

אַש אויף דער האַנט

פֿאַר ש. אַבֿני

ווייטיק טיילט אונדז פֿונאַנד —
מיר זענען ביידע געפֿאַנגענע.
וועג איך דאָס גאָלד אין דער האַנט,
פֿון שעהען פֿאַרלוירן־געגאַנגענע.

די הענט זענען אומעטיק ריין.
ווי קוועקזילבער אין טערמאָמעטער־גלאָז.
אין צער איז דאָך יעדער אַליין
און נאַקעט אַנטקעגן דער געטערמאָס.

ווייטיק טיילט אונדז פֿונאַנד —
אין אָפֿענע רוימען, געפֿאַנגענע.
כ׳צעבלאָז דאָס אַש אויף דער האַנט,
פֿון שעהען פֿאַרלוירן־געגאַנגענע.

צעשניטענער שיידוועג

בילדערביכער

היימען אָטעמען אין בילדערביכער
און ווערן לעגענדע.
קינדער עפֿענען זיי צווישן פֿרעמדע,
אין שרעק פֿאַר אַ וועלט
וואָס איז פּלוצעם צו גרויס
און אויסגעליידיקט פֿון פּנימער.

קינדער שפּרייטן זיי אויס
ווי הימלען איבער דער איינזאַמקייט
און בילדער פֿאַלן ווי שטערן אַרויס:
זיי ווערן אַ פּלויט, אַ ברונעם, אַ הויז,
די זאַכן מאַנטלען זיך איַין אין קאָליר
און עמעצער רופֿט זיי ביַים נאָמען.

די וועלט איז נאָענט געוואָרן און קליין —
זי שטייט ווי אַ גאַסט אין דער טיר.

שיינע עקזאָטישע קראַנקע

די וואַסערן האָבן געהאַט דעם טעם פֿון אײַזן
אין גרינעם פּאַוויליאָן מיט זשאַווערדיקע מײַלער
און קופּידאָנס פֿון גיפּס אויפֿן סופֿיט.
די לעצטע האָפֿענונגען האָט זי דאָרט געטרונקען
אין איינעם מיטן קוואַלנדיקן וואַסער —

די שיינע עקזאָטישע קראַנקע,
מאַרגנלאַנד־פֿרוכט און מיראַזש.

אין אירע יונגע געלעבערטע לונגען
כליפּעט די לופֿט פֿון נאָדלביימער,
מיטן גערוך פֿון סאָסנעפּעך און ווײַרעך
און פֿײַכטע, ניט־געהובלטע ברעטער —

פֿון טונקעלע טיפֿע וועלדער
אין פֿרעמדן אָוונטלאַנד.

קומט דער פֿאַרנאַכט מיט מעשענע קלאַנגען
פֿון ד׳ער קאַפּעליע אין פּאַרק,
מיט פֿיבער, און פּליוש־אַקאָרדן
פֿון שאָפּענס באַלאַדע אין סאָל מינאָר.

שיינע עקזאָטישע קראַנקע,
מאָרגנלאַנד־פֿרוכט און מיראַזש,
דייַן טויט איז נאָכגעגאַנגען אַלע מייַנע טויטע
און געבליבן יונג און פֿאַרליבט.

בלאָנדער פּאַלאַנעז

מאַרגאַ, דײַן בלאָנדער פּאַלאָנעז
האָט אויפֿגערודערט אין גאָרטן דעם בעז.

ער גיסט זיך אין אָוונט אַרײַן ווײַס־וויאָלעט,
ווי אַ קרײַגל שוימענדיק ביר
און קוקט דורכן פֿאַרהאַנג ווי דײַן סילועט
וויגט זיך איבערן קלאַוויר.

מאַרגאַ, דײַן בלאָנדער פּאַלאָנעז
האָט פֿאַרשיכּורט אין גאָרטן דעם בעז.

די לעצטע אָוונטבאַן יאָגט שוין פֿאַרבײַ
מיט אַ כליפּ בײַם גרינעם וואָקזאַל.
דער פֿײַף אירער קלינגט אין אָנהייב מײַ
ליריש סענטימענטאַל...

מאַרגאַ, דײַן בלאָנדער פּאַלאָנעז
האָט אַראָפּגעפֿירט פֿון זינען דעם בעז.

ביסט פֿרעמד אַזוי ווי די דאַמע אין בלאָ
בײַם פֿענצטער פֿון דער באַן.
איך ווייס ניט צי ביסטו פֿאַראַנען, מאַרגאָ,
צי ביסטו גאָרניט פֿאַראַן

און ס׳האָט נאָר אין גאָרטן שאָפּענס פּאָלאָנעז
גערוישט אין שיכּורן בעז.

זכּרון־קלאַוויר

מיידלישער אַרבל־געפֿלאַטער,
מאַנדלצווײַג אין בלי.
פלוצעם טוט נאָך אַ גלי
דער פֿאַרלאָשענער קראַטער.

מיידלישער אַרבל־געוויטער
אויף בראָנדזענער הויט.
אַ רמז פֿון זיגמונד פֿרויד
בײַטשט מיט גאָלדענע ריטער.

מיידלישער אַרבל־דועט
פֿאַר דיר און פֿאַר מיר.
אויפֿן זכּרון־קלאַוויר
איז שוין דרײַ מאָל צו שפּעט.

יונגע פֿאַסטעכער

יונגע פֿאַסטעכער, כּהנים פֿון אַן אַלטן שבֿט,
אין זייער פֿײַכטן לײַוונטן געוואַנט
יוירן נאָך די זאַפֿטן פֿונעם לאַנד
און דער האַרבער אָטעם פֿון אַן עבֿד.

דאָס געגענענען פֿילן זיי פֿון שניי און רעגן
און פֿון וועלף וואָס לאָקערן אויף שאָף.
אינעם דונער פֿילן זיי אַ שטראָף,
אין די בליצן זעען זיי די הימלוועגן.

יונגע פֿאַסטעכער מיט ביינערדיקע פֿינגער,
ווי די קליינע געצן פֿון באַזאַלט.
מיט די פֿינגער קאַמען זיי דעם וואַלד
און ריידן צו די פֿליגלדיקע זינגער.

העכער, אויף די נאַקעט־בלענדנדיקע סקאַלעס
ברענגען זיי קרבנות אויף מזבחות.
טראָגן זיך אין טאָל די זיסע ריחות
און עס גייען אַראָפּ פֿון זינען ווײַסע כּלות.

דרײַ באָקאַלן

שלאַנקע דרײַ קרישטאָלענע באָקאַלן
שפּיגלען זיך אין זייער קילן גלאַנץ.
אינעם טאַקט פֿון גינגאָלדענע שטראַלן
ווערן זיי באַלד אַ לאָז טאָן זיך אין טאַנץ.

אַ באַלעט פֿון איינפֿוסיקן פֿלאַטער
און אַ שוימיק בליצן פֿון געטראַנק,
שווינדלדיק געווירבל פֿון טעאַטער,
צויבער פֿון קאָלירן און פֿון קלאַנג.

פּלוצעם שטיל... די לעצטע זונענשטראַלן
ציטערן אין גלאָז און שלאָפֿן איַין.
אַ סאַמעטענער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן
און פֿאַרלאָשן די באָקאַלן און דעם ווײַן.

אין ליידיקן זאַל

אין ליידיקן זאַל צו חצות,
די ווענט זענען שיכּור פֿון קלאַנג.
די פֿידלען ליגן שוין לאַנג
פֿאַרשלאָסענע הינטער אַ שלאָס.

אין ליידיקן זאַל — איז גאָט
געבליבן אַליין פֿאַרן פּולט.
די לופֿט איז איבערגעפֿולט
מיט זאַטער שטילקייט און סוד.

אין ליידיקן זאַל מען דערהערט
ווי מלאכים סטראָיען זיך אויס
און נעמען די פֿידלען אַרויס:
עס הייבט זיך ערשט אָן דער קאָנצערט.

וואָקזאַלן

וואָקזאַלן אין דער פֿרעמד זענען טעמפּלען, אָראַקלען,
דער וואַנדערער זאָל אַרײַנגיין און פֿרעגן
צי קענען די געטער פֿאַרזיגלען סך־הכּלען
פֿון וועגן און וועגן און וועגן.

צי קענען די געטער צעשנײַדן אַ שיידוועג,
ווי מען צעשניידט אַ פֿאַרפּלאָנטערטן גאַרן,
און שטעלן אַ סימן פֿאַר ליידוועג און פֿריידוועג —
ווו מען זאָל גיין און ווו מען זאָל האַרן.

קַיִן

קַיִן האָט דעם צייכן, ווי אַן אַלטע מאַרקע,
אָפּגעריסן פֿונעם שטערן. און געבויגן,
מיט אַראָפּגעלאָזטע, טרויעריקע אויגן,
שלעפּט ער זײַנע שווערע, שטאַרקע
פֿיס בײַנאַנד מיט מיר אויפֿן אַספֿאַלט.

ער קויפֿט אַ נײַע צײַטונג אויפֿן ראָג
און כ׳זע: דער טרויער פֿון די אויגן זײַנע פֿאַלט
ווי אַש אַרײַן אין ברענענדיקן טאָג.

אַ צירונג־שקעטעלע

אַ צירונג־שקעטעלע פֿון איידעלן האָלץ געשניצט,
די אָדערן פֿון בוים אַרײַנגעוועבט אין זײַנע פֿאָרמען.
צערטלען גרינג עס מיט די פֿינגער — טאָר מען,
אָבער ניט דערגרונטעווען צו וואָס עס ניצט.

אַ גאָלדן שלעסל אויף די קופּערנע באַשלעגן
היט די סודות אין דער סאַמעטענער טיף,
ווי אויף פֿעלדזנשפּיצן היט דער גריף
די בלויע טויערן פֿון הימלוועגן.

זאָל עס בלײַבן שטום אַזוי, פֿאַרשלאָסן
פֿון די מיידליש־צאַרטע פֿינגער, די געניטע,
אויסגעהיילט פֿון צײַט און פֿון איר שליטה,
פֿון ראַנגלענישן און פֿאַרוואָסן.

אַ שדל אַזאַ

ניט די צײַט טרײַבט די װײַזערס,
אַט נעם איך דעם זײגער פֿונאַנד און באַװײַז עס.

אַ דינע ספּרוזשינע, אַ שטאָלענע, בלאָע
ציט דאָרט אַרויס דעם מאַרך פֿון די שעהען

און שלײַדערט זײ אין אַ געלעכערטן זאַק
מיט אַ ניגונדל: טיק־טאַק, טיק־טאַק.

ניט די צײַט דרײט פֿונאַנדער די רעדער,
נאָר אַ שדל אַזאַ, אַ דינינקע פֿעדער

יאָגט פֿון מעת־לעת צו מעת־לעת זײ פֿאַרויס
און שטעלט מיר אַ צינגל אַרויס.

הללו נול

הללו נול — דאָס פּענצטער צו גאָט,
דאָס רעמל פֿון גאָרניט און גאָר,
דאָס רעדל וואָס רינגלט אַרום דעם סוד
און כּפּלט די פּשוטע וואָר.

הללו נול — דאָס אָפּענע אויג
פֿון בלינדן נבֿיא, וואָס זעט
דעם טויט פֿון אַ שטערנדל, גרויס ווי אַ רויג,
אין הימלישן טויטנבעט.

הללו נול — דער אָנהייב און סוף
פֿון איינס און פֿון צוויי און פֿון דרײַ...
אַ תּפֿילה אַזאַ פֿאַרן נול, איך פֿאַרהאָף,
איז טאַקע באמת כּדאַי.

מײַן פֿעדער

װעגן דערנענטערן, װעגן דערװײַטערן,
באַגעגנט אַ מאָל כ׳האָב אַ מײדל אַ רײַטערין.

טרײַב איך מײַן פֿעדער אַרױף און אַראָפּ,
אין ריטעם פֿון יענעם פֿאַרשײַטן גאַלאָפּ.

דאָס מײדל אין װײַס, דאָס פֿערדל אין בלאָ,
ניטאָ אַזאַ פֿערדל, זאָגסטו, ניטאָ?

מײַן פֿעדער װײס בעסער, זי בלוטיקט דאָך בלאָ
און אַלץ װאָס זי בלוטיקט אַרױס — איז דאָ.

וואַלקנבערמען

בעטהאָווען:
סאָנאַטע אָפּוס 111

וואַלקנבערמען אויף קלאַווישן —
האַרבסטיק־שווערע אָפּשיידלופּט.
האָט זיך דיר אַ בוים געחלומט,
הערסטו איצטער ווי ער רופֿט,

אַז די פּרוכט איז אָנגעלאָדן
מיטן אָטעם פֿון באַשאַף.
ווערטער זענען בלויז אַן אויסרייד,
צייל דעם אָטעם לויטן טראַף

און געזעגן זיך אויף אייביק
מיטן ציטער פֿונעם קלאַנג.
וואַלקנבערמען אויף קלאַווישן —
לעצטער קלאַנגען־אונטערגאַנג.

נשמה-ליכט

לזכר דער באָבע, מ ל כּ ה ק ע ר ן,
וואָס איז אומגעקומען בײַם ברעג
פֿון דניעסטער, אין האַרבסט תּש"א.

א

איז אַוועק אין טויט די באָבע,
די מזוזה ניט געקושט.
נאָר מיט שטומע, בלייכע ליפּן,
ווי אַראָפּגעטריפֿטע טרערן
אויפֿן זילבער פֿון די לײַכטער,
צוגעפֿאַלן צו דער טיר,
ווי די טיר וואָלט זײַן פֿון פּאַרמעט...

איז אַרויס פֿון שטוב די באָבע,
פֿון די ווענט זיך אָפּגעריסן,
פֿונעם גאַניק, פֿון דער שוועל,
איז אַרויס פֿון שטוב די באָבע
אויף דער האַרבסטיק-ווייכער ערד,
זיך געטוליעט צו דער פּריזבע,
אָפּגעשטעלט בײַ יעדן טראָט,
ווי זי וואָלט אויך טיפֿע וואָרצלען
מיטגעריסן מיט די פֿיס.

בײַ די אָסטערן, די געלע
אלול-שטערן, בלײַבט זי שטיין.

עס צעעפּנט זיך אַן אָפּגרונט
טיף און מוראדיק פֿאַר איר
און זי פּילט, ער רופּט, ער מאַניעט,
נעם און שפּרינג אין אים אַרײַן.
דאָרטן בליִען געלע בלומען,
דאָרט איז שלווה אויפֿן דנאָ,
דאָרטן פֿײַפֿן ניט קיין שדים
אויף די גאַסן, דאָרט איז רו.
טוט אַ שלײַדער זיך די באָבע
אין דעם אויסגעדאַכטן תהום.

און די אַסטערן, די געלע,
הוידען מיט די קלוגע קעפּ.
אָנגעטאָן אין שוואַרצן מאַנטל
און אין טונקל־ברוינעם שאַל,
איז די באָבע דאָרט געלעגן
ווי אַ בערגל פֿרישע ערד.
און די אַסטערן צוקאָפּנס
האָבן פֿרום געצאַנקט, געפּלעמלט
און געפינטלט מיט די אויגן,
ווי נשמה־ליכט.

ב

שרומפּט זיך אײַן דער באָבעס כאַטע
ווי אַ הויפֿן שניי אין פֿרילינג:
מער ניטאָ קיין ווענט, קיין גאַניק,
מער ניטאָ קיין טיר־און־פֿענצטער,
נאָר אַ ליימענע מצבֿה
הויערט צווישן געלע בלומען.

אַ מצבֿה אויף דער באָבעס
מורמלענדיקע מודה־אַניס,
אויף די תּחינות און די ברכות
אויף דעם וואָכעדיקן אומעט
און דעם שבתדיקן סוד.
אַ מצבֿה אויף דער באָבעס
פֿערציק יאָר אַלמנהשאַפֿט.

ס׳האָט געפֿלאָטערט אין זכּרון
בלויז דער שמייכל פֿון אַ נס
וואָס דער באָבע האָט געטראָפֿן
אין דער אַלטער גוטער צײַט,
אויף איר איינציקער נסיעה
מיטן קראַנקן קינד קיין לעמבריק,
ווי דער רבי האָט געהייסן.

און די באָבע פֿלעג דערציילן:
ווי איך שטיי אַזוי פֿאַרלוירן
אין דעם טומל אויפֿן שולהויף,
פּלוצעם — אליהו־הנבֿיא
שטרעקט מיר אויס אַ האַנט און זאָגט:
מלכּה, כ׳בין דאָך דײַנס אַ קרובֿ.
שווײַגט זי אויך אַרײַן, די באָבע,
יענעם נסימדיקן שמייכל
אין דער אלולדיקער ערד.

ג

גאָסן שוויבלען מיט מונדירן,
סם־קאָלירן, געלע קנעפּ.
בייַטשן קאַטעווען דעם הימל
און צעפּאַסעווען די לופֿט.

ווילדער וואַנדל און פֿאַרוואַנדל,
וואָס איז דמיון, וואָס איז וואָר?

פֿון די בערג, קאַרפּאַטן־רינגען,
יאָגן רייַטערס אָן אין טאָל —
ווי אַרויס פֿון שרעק־חלומות
אין אַ שטורעמדיקער נאַכט —
מיט די בלאַנקע, קרומע שווערדן,
מיט די מעסערס אין די ציין.

און זיי שנייַדן אויף דעם גאָרגל
פֿון אַ טומלדיקער גאַס
און זיי צינדן אָן די קראָמען
מיט די שולן און דעם מאַרק.

בלינדער וואַנדל און פֿאַרוואַנדל,
וואָס איז דמיון, וואָס איז וואָר?

אין די נאָנטע בלומען־גערטנער
מיט די צלמים אויף די פּלייט
פּאַלט אַרײַן די זון, צעבּרעקלט
איבּער גלאַנציק־שאַרפֿן שטאָל.

פֿלאַקערן די קאַסע דעבּער
מיט די קוימענעס פֿון ציגל,
מיט די קופּערנע געזימסן
און די רינשטאָקן פֿון בלעך.
פֿלאַקערן די געלע בלעטער
אויף דעם האַרבּסטיקן געצווייַג
און די רויזן אין די קוסטעס
און די דאַליעס לעבּן צוים.

נאָר די אַסטערן דער באָבעס
לעשן זיך פּאַמעלעך אויס.

סם־קאָלירן, גרינע רײַטערס,
זון צעבּרעקלטע אין גראָז,
דולער וואַנדל און פּאַרוואַנדל,
אַלץ איז דמיון, אַלץ איז וואָר.

ד

אויף די זײַטיק טויטע רעלסן,
צווישן קראָפּעווע און זשוויר,
וווּ די ווערבעס גייען תּשליך
צו דעם רײַסנדיקן טײַך,
דאָרטן רודערט עס און צישעט
אין אַ וואָלקן דאַמף און רויך.

אויף די זײַטיק טויטע רעלסן,
דאָרטן סיליעט מען צונויף
גרילצנדיקע פֿראַכטוואַגאָנען,
ווי אַ קייט פֿון שוואַרצע פֿאָנען
אויפֿן האַלדז פֿון בוקאָווינע.

אָוונט, ווען בהמות קומען
פֿון דער פּאַשע מיד צוריק
און אין קלויסטער, צו וועטשערניע,
קלינגען גלאָקן —
אָוונטצייַט,
וועט די קייט זיך איבעררייַסן
און וואַגאָנען וועלן יאָגן
מיט דער לעבעדיקער פּראַכט,
איבער לעבעדיקע רעלסן,
אין דער סמאָלעדיקער נאַכט.

איז אַוועק אין טויט די באָבע,
די מזוזה ניט געקושט.

אינהאַלט

העגנגענדיקע בריקן

אויפֿן שפּיגל פֿון מײַן אויג 7
אַכט און פֿערציק האַרבסטן 8
אַ גרינער פּאַרטרעט 9
פּחד 10
בליציקער שוואַרצאַפּל 11
שעהען צעשאָטענע 12
באַווײַז דעם נס 13
איבערגעדרייטע שעהען 14
אַ שאָטן 15
געפֿאַנגען 16
אותיות פֿון סמאָלע 17
װיגליד 18
שטילע רגע 19
די פֿרילינגען מײַנע 20
צער־אַזילן 21
מיר װערן שכנים 22
פֿון יענער זײַט גרענעץ 24
פּרוּװ ניט באַרירן די זאַכן 26
נאַקעטקייט 28
קראַנקער רעגן־בויגן 29

לעצטער גילגול 30
אילוזיע־טאַנץ 31
אײַזקאַראַלן 32
אַש אויף דער האַנט 34

צעשניטענער שיידוועג

בילדערביכער 37
שיינע עקזאָטישע קראַנקע 38
בלאָנדער פּאַלאַנעז 40
זכּרון־קלאַוויר 42
יונגע פּאַסטעכער 43
דרײַ באָקאַלן 44
אין לײדיקן זאַל 45
וואַקזאַלן 46
קײַן 47
אַ צירונג־שקעטעלע 48
אַ שדל אַזאַ 49
הללו נול 50
מײַן פֿעדער 51
וואַלקנבערעמען 52

נשמה־ליכט 53